STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02421

DI BLONDE UN SHVARTSE

Mardechai Judelsohn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דִיא

בְּלָאנְדֶע אוּנ שְׁוַארְצֶע

אֵיינֶע שֵׁיינֶע עֶרְצֵאהְלוּנְג

נָאוֶועלֶע

פָאן

מָרְדְכַי יוּדֶעלְסָאהְן.

ווילנא

שנת תרפ"ג לפ"ק

PRINTET IN POLAND

Drukarnia „Rozenkranc i Szrifthzecer".

1923.

1.

צוויא פריינדינגען.

ניכט וויט פאן דיא שטאדט קאניגסבערג אין פרייסען, וואר איין שייגעס לאנדהויז (דאצע) מיט דעם נאמען „בלויפעלד". דיזע דאצע געהערט צוא איינעם פאן אונזערע גלויבענסברידער, איין געוויסען הערן מאריטץ מייערסאהן. דיזער הער מייערסאהן וואר זעהר רייך אונד נאכמעהר זעהר איין ארדענטליכער מאנן. אלע מענשען וועלכע האבען געקענט דעם הערן מייערסאהן, האבען אלע איינשטימיג געזאגט: דאס ער איז איין וואהרער עדעלמאנן. איבערהויפט וואר ער בעפריינדעט מיט איינעם דייטשען איין געוויסען הערן וועגדעל. דיזער הער וועגדעל איין פיינער געבילדעטער רייכער קריסט, האט מעהרערע מאל געהאנדעלט מיט דעם הערן מייערסאהן, אונד ער האט אין איהם דערקענט איינען זעהר עהרליכען מאנן, אונד זא האט זיך וואס וויטער זייערע פריינדשאפט אימער איינגער פערבונדען, אונד עפטערס פלעגען זייא זיך בעזוכען איינער דעם אנדערן. ווען הער מייערסאהן פלעגט זיין אין שטאדט, פלעגט ער גלייך אריינגיין צום הערן וועגדעל, אונד אום הייסען זאמער פלעגט דער הער וועגדעל ארויס פאהרען ביין הערן מייערסאהן אין בלויפעלד אפען דאטשע. דער הער וועגדעל האט דריי זיהן אונד צוויא טעכטער, אונד דער הער מייערסאהן האט נור צוויא טעכטער.

הערן וועגדעלס פרוי איז איהם פריהצייטיג אבגעשטארבען,

אונד

אונד ער האט קיינע אנדערע ניכט גענומען. ער האט ביא זיך צוא גענומען זיינע עלטערע שוועסטער מאטהילדע, זיא זאל פיהרען דיא ווירטשאפט. זיין עלטערן זאהן ווילהעלם האט ער יעצט אוועק געשיקט נאך בערלין אין אוניווערזיטעט. דיא אנדערע קינדער זיינען געגאנגען אין קאניגסבערג אין דיא שולען.

דיא עלטערע טאכטער פאן דעם הערן מייערסאהן מיט דעם נאמען ראהעל האט יעצט בעענדעט דאס פראגימנאזיום. דאס קליינע טעכטערל מינא אין אלטער פאן זיבען ביז אכט יאהר גייט יעצט אין קעניגסבערג אין טאכטערשול צוזאמען מיט דיא אכט יאהריגע ליזעטע וועגדעל. דיזע צוויא קליינע שול קאמעראדינען, מינא מייערסאהן אונד ליזעטע וועגדעל וואַרען ביידע אין איין עלטער, ביידע אין איין הויך, ביידע געגאנגען אין איין קלאסע, ביידע גיזעסין אויף איין באנק, ביידע פלייסיגע געהארזאמע קינדער, ביידע געקראגען גלייכע מיינונגען פון די לעהרער. זיי האבען זיך ביידע פעסט צוזאמען געבונדען מיט דעם בונד דער פריינדשאפט וויא צוויי שוועסטער, זייא פלעגען ביידע מאכען זייערע אויפגאבען (אוראקעס), צוא זאמען שפאצירען גיין, צוזאמען זיך שפילען, יעדע האט געוואוסט אז זייא געהערען צו איין אנדער רעליגיאן, צוא איין אנדער גלויבען, אבער דאס שאדעט ניכט צוא פריינדשאפט. איינע אבשטעכענדע אונטערשייד איז געוועזען צווישען דיא צוויא פריינדינען. מינא מייערסאהן איז געוועזען איינע עכטע בלאנדינא, אונ דאגעגען איז געוועזען ליזעטע וועגדעל איינע שווארצע, דאריבער פלעגט מען זייא נור רופען די בלאנדע אונ דיא שווארצע". זייא וואַרען שוין געוואהנט מיט זייערע נעמען, אז זייא פלעגען זיך אומקעהרען וויא מען פלעגט

רופען: „שוואַרצע!" אָדער „בלאָנדע!" אַזוי האָבען זיך גילעבט די צוויא פריינדינען אין פרידען אונ אין איינטראַכט וויא צוויי ליבליכע שוועסטערין.

2.

דער ערסטער ליבעספונק.

עס איז געקאמען דער שיינער זאממער. דיא זאנע האט שרעקליך געברענט, אללע רייכע לייטע האבען פערלאססען דיא גרויסע שטאדט מיט דיא געריימיגע צימערן, אונ זייא האבען זיך איבערגעקליבען אין דיא באדער, אונ אויף דיא דאטשעס. אללע שוהלען, אללע לעהראנשטאלטען וואַרען געשלאססען, דאמיט דיא שילער אונ דיא שילערינען זאלען קענען זיך אויסרוהען פון זייערע שווערע שולארבייט, אונ זאלען געניסען דיא פרייע דעליקאטע לופט. אויך דער הערר װענדעל מיט זיינער פאמיליע האבען פערלאססען די שטאדט קאניגסבערג אונ זיינען ארויסגעפאהרען אין בלויפעלד ביין הערן מייערסאהן אויפ'ן דאטשע. פינף יאהר איסט פערגאנגען זייט ווילהעלם װענדעל (װעלכער האט יעצט בעענדעט דאקטאר) האט ניכט געזעהען זיינע פריינדין ראהעל מייערסאהן. ווי לאנגע דער ווילהעלם איז געגאנגען אין קאניגסבערג אין גימנאזיום אונ פרייליין ראהעל איז געגאנגען אין פרויענ-גימנאזיום, פלעגען זייא זיך עפטערס זעהען, זייא וואַרען זעהר בעפריינדעט, דאס פרייליין ראהעל איז דאמאלסט געוועזען איין מאדכען פון פופצעהן יאהר, זיא פלעגט פון איהם לאכען אונ נעקען, זיא פלעגט איהם רופען „דער לאנגער ווילהעלם" אונ דער ווילהעלם פלעגט זיך געפאלען לאסען פון דיא קליינע ראהעל, אללע

שפאסען

שפאסען אלע געקערייען. יעצט ווען ווילהעלם האט נאך אזא לאנגע צייט געזעהן צום ערסטען מאל די שיינע ראהעל איז ער איבערראשט געווארען. אין דיזע פינף יאהר איז זיא אויפגעבליהט וויא איינע הערליכע ראזע, זיא האט זיך ענטוויקעלט וויא איינע רייצענדע בלומע. ער האט איהר שטום זיינע האנד געדייכט, קיין ווארט האבען זיינע ליפען ניכט געקענט ארויסבריינגען, דאגעגען איז ראהעל מונטער אויפגעשפרונגען מיט איין פריינדליכען „ווילקאממען הערר ווענדעל!". יעצט איז גראדע געגען אבענד. דיא לופט איז זא קיהל אונ אנגענעהם, אין וועלדעל ניכט ווייט פון בלויפעלד שפאצירען זייא ביידע, ווילהעלם וועגדעל מיט פריילין ראהעל מייערסאהן, דיא פייגעלעך זינגען שוין זייער אבענדליד, זייא גייהען שוין באלד שלאפען אונ זיי לייענען שוין זייער קריאת שמע. אויך די אינזעקטען, די נאסעקאמאעס, די באבעלעך, אונ דיא פליגען זוזענען אונ זוממען זייער לעצטעס ליד.

„וויא שיין וויא פראכטוואהל איזט דיא הערליכע נאטור"! האט ראהעל ענטציקט אויסגעשריען.

יא זעהר הערליך אונ רייצענד! האט ווילהעלם געאנטווארט, וואהרענד ער האט א טיפען בליקק געווארפען אויף די רייצענדע ראהעל. אונ ווען ראהעל האט אויסגעשטעלט איהרע גרויסע שיינע אויגען אויף איהם, האט ער זיין בליק צוא דער ערדע ארונטערגעלאזען, זייא האבען זיך ביידע אויף איין באנק אהינגעזעצט, ראהעל האט זא מונטער אונ לעבהאפט געשפראכען. אונ ווילהעלם פלעגט איהר א צעהענטען ווארט אנטווארטען.

„וואס איסט דאס הערר וועגדעל מיט איך?" האט ראהעל שפעטיש געפרעגט. ווארום זייט איהר אזוי פערשלאפען, דאס איהר

שפריכט

שפריכט אקוראד וויא פון שלאף, אדער האט איהר זיך נאך ניכט אויסגערוהט פון וועג, אז איהר רעט פון וועג? איין צערטליכער ליבליכער בליקק איז געוועזען שטאט אנטווארט. ראהעל האט ווייטער געזאגט: וואו איז געבליבען דיא פריהריגע יאהרען ווענן זיא הערר ווענדעל ווארען זא מונטער אונ לעבהאפט, אונ איך פלעג אייך נעקען, איך פלעג לאכען פון אייערע קרויזע האר, געדיינקט איהר נאך דעם לאנגען ווילהעלם?

„אך דעם האלב בין איך יעצט זא טרויריג!" האט ווילהעלם מיט איין ביטערן שמייכעל געזאגט: וואו נעהמט מען די צייטען, ווענן איהר זייט צוא מיר זא צוגעבונדען געוועזען, וויא גערנע מאכטע איך בעסער הערען פון אייער מונד, „ווילהעלם", איידער דעם טיטעל, „הערר ווענדעל" איין דורכדרינגענדען בליק האט איהם ראהעל צו געשליידערט, דאס עס האט איהם דורכגעבויערט זיינע לונגען מיט זיין גאנצעם הערץ, די קלוגע ראהעל האט יעצט ערסט בעמערקט, דאס ווילהעלם איז ניכט גלייכגילטיג צו איהר, אונ יעצט האט זיא דייטליך געהערט, דאס ער מיינט „ליבע" אונ וויא איהר הערץ האט צו איהם קיין ליבע ניכט געפיהלט, דענן זיא האט גאנץ גוט געוואוסט דעם אייזערנעם וואנד, וועלכע שיידעט איהר פון איהם, איהר רעליגיאן וואר ביי איהר טהייער גענוג, ניכט צו צולאססען צו אזא אונגלייכע ליבע, אלזא האט זיא איהם געוואלט יעצט אנטווארטען: וויא קענען זייא דען דאס פערלאנגען, דאס איך זאל... זיא האט דעם זאטץ ניכט געענדעט, דענן אין דיזען אויגענבליק איז אנגעקאמען דיא גאנצע געזעלשאפט, דער הערר מייערסאהן מיט זיינע פאמיליע אונ דער הערר ווענדעל מיט זיינע פאמיליע. די דינסטען האבען געדעקט דעם טיש, אונ אלע האבען זיך געזעצט, אונ זייא האבען פער-

צעהרט

צעהרט דעם אבענדברויט, אונטער דעם פרייען גלויען הימעל, אונ עס האט זייא זעהר געשמעקט.

3.

די בלאנדע אונ די שווארצע.

עס וואר איין פאר פסח, אלס מאן האט געשלאסען דיא שולען ביז איבער די פייערטאגע, אונ די קליינע מינא מייערסאהן האט גידארפט פאהרען צו הויזע אויף פסח. וויא שווער עס איז איהר געוועזען זיך צו שיידען פון איהר טרייע פריינדין „די שווארצע אבער דאך האט זי געמוססט פאהרען, דען דעם שיינעם פסח קאנן זי דאך ניכט זיין אין דער פרעמד. דיא בלאנדע, האט ערציילט די שווארצע ווי שיין עס איסט ביי זיי פסח אבענד צום סדר, זיא האט געוואוסט זא פיין צו שילדערן דיא הערליכקייט פאן דיזען אבענד דאס די שווארצע האט זיך בעשלאססען אויס צופיהרען ביא איהר פאטער אונד ביי איהר טאנטע מאטהילדען, דאס זיי זאללען איהר דאס ערלויבען מיטצופאהרען נאך בלויפעלד. גאנץ לייכט איז איהר ניכט אנגעקאממען, ביז זיא האט געפועלט אז זי זאל פאהרען, איבערהויפט ביי איהר טאנטען מאטהילדען. דיזע מאטהילדע וואר איינע עלטערע קאטהאלישע דאמע, וועלכע האט גינלויבט אין אללע דומהייטען. זיא האט גינלויבט אין אללעס וואס עס איז געגען אנדערע רעליגיאנען גישריבען אין קאטהאלישע בלאטער, אונ זייערע ביכער. איבערהויפט וועגען עלילת דם, דאס יודען האבען נייטיג בלוט אויף פסח, דאס האט זיא גענלויבט באמונה שלמה. אז זיא האט יודען ניכט ליב געהאט, דאס דארף איך אייך ניכט ערצאהלען. וויפיל מאל האט זיא

געמאכט פארווירפע איהר ברודער, ווארום ער איז אזא אינטימער פריינד מיט דעם יודען מייערסאהן.

דער עדעלער הערר וועגדעל פלעגט איהר ערקלאהרען, דאס דער הערר מייערסאהן איז איין זעהר בראווער עהרליכער אונד ארדענטליכער מאנן.

„אבער דאך נור איין יודע" פלעגט זיא אימער ענדיגען, יעצט ווענן ליזעטטע האט דורך אוים געבעטען מיט צו פאהרען נאך בלויפעלד, האט זיא ערזינערט פיל געשיכטען וויא יודען האבען געשלאכט קריסטליכע קינדער צו זייער אסטערנפעסט.

דער הער וועגדעל האט איהר גאנץ נוט אויסגעלאכט, אונד מען האט איהר ערלויבט מיט צופאהרען.

וויא גליקליך זיינען געוועזען דיא ביידע פריינדינען ארום צושפרינגען דעם האף מיט דיא היהנערפאלק „די בלאנדע האט געוויזען איהר פריינדין „די שווארצע" איהרע היהנער מיט איהרע שעפסעלעך.

זעהסט דוא מיינע ליבע שווארצע האט די בלאנדע געזאגט אט דיזע הינדעלע איז מיינע אונ זיא האט איהר געוויזען אויף איינע פיינע שווארצע הוהן, די אייער וועלכע זי לייגט, געהערט צו מיר, אונ איך וועל איהר לאזען בריהען קליינע הינדעלעך. אונ דיזע ווייסע הוהן וועל איך דיר שיינקען. וויא גליקליך איז געוועזען די שווארצע דען גאנצען טאג ארום צו שפאצירען אין פרייען לופט, מיט איהר ליבע פריינדין די בלאנדע.

עס וואר אם מארגען, דאס איז געוועזען ערב פסח. דיא שווארצע איז געזעסען אין איהר צימער אונד זיא האט געשריבען איין בריף אן איהר ליבען פאטער, זיא האט איהם בעדאנקט וואס ער האט איהר ערלויבט צו פאהרען נאך בלויפעלד אונד ער

האט

האט איהר דאמיט פיל פערגעניגען פערשאפפט. פלאטצליך האט זיא דער הערט איינע שטיממע אין צווייטען צימער וועלכע דאזט געזאגט: דוא ווייסט מינא אז מען האט שוין געשיקקט נאך דעם שוחט, מען וועט שלאכטען די שווארצע אויך.

קלארא האט זיך שרעקליך צוא וויינט. „ניין!" האט זיא געזאגט: איך וועל ניט לאזען קוילענען מיין ליבע שווארצע.

אבער דער פאטער האט דורך אויס געהייסען שלאכטען דיא שווארצע, מען דארף עס האבען צו פסח, האט דיא שטימע געזאגט.

אך מיין ליבע שווארצע, מיין ליבע גוטע שווארצע, האט די בלאנדע מינא געיאמערט.

דיא שווארצע האט דיא ווערטער דערהערט, איז איהר די פעדער פון דער האנד ארויסגעפאלען פאר שרעק. האט דאך דיא טאנטע מאטהילדע רעכט, האט זיך ליזעטע געטראכט, יודען שלאכטען קריסטליכע קינדער, זיא האט דיא פעדער צוריק אויפ־געהייבען, אונ זיא האט איינגעשריבען אין בריף וויא דער הערר מייערסאהן האט געשיקט נאך דעם שעכטער (שוחט) אונ זיא האט געהערט וויא מען וועט איהר הייטע שלאכטען, עס העלפט ניכט וואס דיא בלאנדע האט געוויינט אונ געבעטען פאר איהר. זיא געזעגענט זיך מיט דעם פאטער, אונ זיא בעט איהם אום פערצייהונג, אויך דיא טאנטע מאטהילדען גריסט זיא אונ זיא געזעגענט זיך מיט איהר. זיא האט דעם בריף אין איין קאנווערט אריינגעלייגט, אונ זיא האט דעם אדרעס אויפגעשריבען אונ געלאזען ליגען אויפ'ן טיש. זיא איז אויפ'ן הויף ארויסגעלאפען זיא האט געטראפען איהר פריינדין מינא, וועלכע האט זיך ארומגעיאגט מיט דיא היהנער, זיא האט זיך אנגעהייבען צוא

שפילעו

שפילען, זיא האט פערגעססען אן דעם שלאכטען אונ אן דעם שוחט, זיא האט אויך פערגעסען אן דעם בריף וואס זיא האט געשריבען. דיא ווירטהין איז אריינגעגאנגען אין ליזעטעס צימער, זיא האט געפונדען איין בריף וועלכע עס איז געוועזען אדרעסירט אן הערן וועגדעל אין פאזען, זא האט זיא עס מיט געגעבען דעם קנעכט וועלכער איז געפאהרען אין שטאדט, אב צוגעבען אן הערן וועגדעל

4.

צום ערשטען סדר.

דער הערר וועגדעל זיצט בייא זיך אין צימער אויף איין וויכען לעהנשטוהל. זיינע שוועסטער מאטהילדע זיטצט קעגען איהם. זיא האט יעצט איין שארפען בליקק געווארפען אויף איהר ברודער, אונ זיא האט געזאגט: איך וויים ניט ווארום מיר איסט מיין הערץ אזוי בעטריבט, זייט אונזער ליזעטכען איסט פארט־ געפאהרען נאך בלויפעלד ביי דעם יודען.

מיר איסט אויך זעהר אומעטיג אהנע דעם קינד האט דער הערר וועגדעל געאנטוואָרט זיינע שוועסטער.

„ניין ניכט אומעטיג" האט מאטהילדע געזאגט, מיר איסט מיין הערץ ארויסגעריסען, ווארום איך האב איהר געלאסען פאהרען אויף אסטערן (פסח) ביי איין יודען.

„וואס איסט דען אסטערן?" האט דער הערר וועגדעל געלאסען געזאגט.

„וויא הייסט עס אסטערן!" האט מאטהילדע מיט צארען געזאגט: דוא וויסט דען ניכט, דאס יודען שלאכטען קריסטליכע קינדער צו זייער פסח?

אך

„אַךְ ווִידֶער דִיא אַלְטֶע דוּמְהַייטֶען" הָאט הֶערְר וֶוענְדֶעל פֶערְדְרִיסְלִיךְ גֶעזָאגְט.

„דוּמְהַייטֶען ? !" הָאט מַאטְהִילְדֶע ווִידֶערְהַאלְט מִיט צָארֶען, וָואהְרֶענְד אִיהְר שְׁטֶערֶען הָאט זִיךְ אִין פִיל קְנֵייטְצֶען אַיינְגֶעקְארְצֶעט, אִיךְ זָאג דִיר... זִיא הָאט וַוייטֶער נִיכְט גֶעעֶנְדֶעט, דֶענְן מֶען הָאט אִין טִיר אָנְגֶעקְלַאפְּט, אוּנ אַלְס דֶער הֶערְר וֶוענְדֶעל הָאט גֶעזָאגְט: „הֶערַיין!" הָאט זִיךְ דִיא טִיר גֶעעֶפֶענְט אוּנ עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַיין מַאנְן, אוּנ עֶר הָאט דֶעם הֶערְרן וֶוענְדֶעל אַיין בְּרִיף דֶערְלַאנְגְט, אוּנ עֶר אִיסְט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען.

„פוּן לִיזֶעטְטֶען!" הָאבֶען זִייא בֵּיידֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן. דֶער הֶערְר וֶוענְדֶעל הָאט דֶעם בְּרִיף לוֹיז גֶעמַאכְט, אוּנ עֶר הָאט אִיהְם גֶעלֶעזֶען אִין דֶער הוֹיךְ, פְלֶעטְצְלִיךְ אִיז עֶר שְׁטִילְל גֶעבְלִיבֶּען, אוּנ עֶר אִיסְט בְּלֵייךְ גֶעוָוארֶען.

„וָואס אִיסְט גֶעשֶׁעהְן"? הָאט מַאטְהִילְדֶע הַאסְטִיג אוּנ עֶרְשְׁרָאקֶען גֶעפְרֶעגְט.

„גָאר נִיסְט! גָאר נִיסְט!" הָאט הֶערְר וֶוענְדֶעל שְׁטַאמְלֶענְדִיג גֶעאֶנְטְוָוארְט.

„גִיבּ מִיר דֶעם בְּרִיף!" הָאט מַאטְהִילְדֶע גֶעבֶּעטֶען, וָואהְרֶענְד זִיא הָאט אִיהְר הַאנְד אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט אוּנ זִיא הָאט דֶעם בְּרִיף פוּן זַיין הַאנְד אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט, זִיא הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעזֶען, אוּנ זִיא הָאט גֶעגֶעבֶּען אַפַאץ מִיט דִיא הֶענְט, „נוּא זֶעה! נוּא זֶעה!" וֶוער עֶס הָאט רֶעכְט, גֵייא גְלַייךְ בְּרֵיינְג דֶעם פַּאלִיצֵיימֵייסְטֶער אוּנ פָאהְר מִיט אִיהְם נָאךְ בְּלוֹיפֶעלְד."

וָואס רֶעדְסְט דוּא הָאט הֶער וֶוענְדֶעל צוֹּערְגֶעוְרְנד גֶעזָאגְט: ווֵייסְט וָואס פַאר אַ דוּמְהַייטֶען זִיא הָאט זִיךְ אַיינְגֶערֶעט.

„דוּמְהַייטֶען ? אַיינְגֶערֶעט ?" הָאט מַאטְהִילְדֶע גֶעשְׁרִיעֶן,

ווערענד זיא האט זיך אויפגעהייבען, אונד געגאנגען אנטאן איהר מאנטעל.

וואו וועסט דו גיין? איך גיי שוין אליין צום פאליציימייסטער. האט הערר ווענדל געזאגט, אונ ער איז אוועק געגאנגען. ער האט דעם פאליציימייסטער געוויזען זיין טאכטערס בריף דער פאליציימייסטער וועלכער האט געקענט זעהר גוט דעם העררן מייערסאהן, האט ער געקוועצט מיט די פלייצעס, אונ ער האט געזאגט: אונגלויבליך! אונגלויבליך! דער הערר מייערסאהן איסט איין זעהר בראווער עהרליכער מאנן, אבער פאהרען דארף מען דאך. אין איין פאר שטונדען שפעטער איז הערר ווענדעל מיט דעם פאליציימייסטער אוועק געפאהרען נאך בלויפעלד.

אין דאטשע פאן העררן מייערסאהן, אין גרויסען זאלאן, איז געדעקט דער טיש מיט איין שניי ווייסען שערוועט. דיא גאנצע פאמיליע מייערסאהן זיצען יום טוב'דיג געקליידעט ארום דעם גראססען שפייזעטיש פאר יעדען שטייט איין זילבערנער בעכער געפיהלט מיט דעם רויטען ווין. אויך פאר דיא קליינע ליזעטען שטייט דיזער בעכער. דער הערר מייערסאהן זיטצט אויבען אן אנגעטאן מיט זיין יום טוב–ראק. איין גאלדגעשטיקטע קאלאטבען (יארמעלקע) זיצט אויף זיין קאפף, די זילבערנע בליטצלאמפען, פערברייטען איינע טאגעס ליכטיגקייט אין צימער. אין דיא גראסע זילבערנע ארמענלייכטערן שטעקען דיקע ליכט, אונ דער הערר מייערסאהן ערצאהלט מיט איין פיינעם ניגון פון דער הגדה.

דיא קליינע ליזעטטע וועלכע איז געזעסען נעבען איהר פריינדין „דיא בלאנדע“ האט זיך ניט געקענט אבקוקען פון דיא גאנצע צערמאניע. דעם ערסטען מאל אין איהר לעבען, זעהט זיא וויא דיא יודען פייערן דעם אסטערנפעסט (פסח). זיא קוקט

אזוי

אזוי אויפמערקזאם אויף דעם הערן מייערסאהן, אונ זיא נעמט איהם ארויס יעדען ווארט פון מויל, דען דער הערר מייערסאהן האט זעהר פיין געוואוסט צוא איבערזעטצען פון דער הגדה. פלאטצליך האבען דיא היינט אנגעהייבען צו בילען, אונ גלייך דארויף האט זיך געהערט וויא איין וואגען איז צוגעפאהרען. דער שטאלקנעכט איז ארויסגעגאנגען מיט איין לאטערנע אונ ער האט דיא טירען געעפענט. אין איינינע מינוטען שפעטער איז הערר ווענדעל אריינגעקאמען. דער הערר מייערסאהן, האט איהם זעהר פיין עמפפאנגען.

„ליבער פאפא!" האט ליזעטע פריידיג געשריען.

איין צארניגען בליק האט הערר ווענדעל צוגעווארפען זיינע ווילדע טאכטער. אין איינינע מינוטען שפעטער איז אויך דער פאליציימייסטער אריינגעקומען. דעם הערן מייערסאהן, איז אפילו עטוואס אויפפאלענד געווארען, אבער ער האט אויף קיין זאך ניט געערבעענט. דיא הערן האבען זיך געזעטצט ביין טיש אונ דער הערר מייערסאהן האט זייא טראקטירט מיט דיא גוטע אסטערוויין אונ אסטערשפייזען, וועלכע האט זייא זעהר גוט געשמעקט.

דער פאליציימייסטער האט זיך לאנגע ניט אויפגעהאלטען, ער האט באלד אבשייד גענומען פון דעם הערן מייערסאהן אונ ער איז אוועק געפאהרען.

דער הערר ווענדעל איז גיבליבען נעכטיגען אין בלויפעלד. אם אבענד ווען ער איז געוועזען מיט ליזעטען אליין, האט ער איהר געפרעגט: „וויא קאמסט דוא מיר צו שרייבען אזא בריף?"

אט יעצט האט זיך ערסט ליזעטע דערמאנט אן דעם דומען בריף וואס זיא האט געשריבען. זיא האט דעם פאטער

דערציילט

דערצײלט, דאס זיא האט געהערט וויא מינא האט געוויינט זיא וויל ניט לאזען שלאכטען דיא שווארצע, אונ דער הערר מייערסאהן האט דורך אוים געזאגט, אז מען זאל שלאכטען דיא שווארצע אויף פסח; האט זיא געמיינט, אז מען מיינט דאס איהר; אבער דאס האבען זיי גאר גירעדט וועגען זייערע שווארצע הינדעלע, וועלכע מינא האט ניכט געוואלט לאזען שלאכטען.

דער הערר ווענדעל האט זיך געשעמט צו ערצאהלען דעם הערן מייערסאהן די געשיכטע, אויף מארגען האט ער אבשייד גענומען פון אלעמען אונד ער איז נאך הויזע אוועק גיפאהרען.

5.

דער גרינבאל.

דעם יונגען דאקטאר ווילהעלם ווענדעל, האט זעהר לייד געטאן, ווארום דיא גאנצע געזעלשאפט האבען אונטערבראכען זיין ליבעסגעשפרעך דארט אין גרינעם וואלד, ווען ער האט זיינע ליבע פריינדין ראהעל מייערסאהן געוואלט ענדעקען זיין גאנצעס הערץ. געוויס געדיינקט איהר נאך ליבע לעזער דעם צווייטען קאפיטעל. ער האט פאן דאמאלסט אן געזוכט געלעגענהייט מיט פריילין ראהעל אליין צו בלייבען, דאמיט ער זאל קענען אויסגיסען פאר איהר זיין גאנצעס הערץ, אבער ער האט ניכט געקראגען. דען דיא קלוגע ראהעל האט שאן זא געמאכט, דאס זיא זאל מיט איהם אליין ניכט בלייבען. עס איז געקאמען דיא ערענטע צייט (ווען מען נעמט צוזאמען דיא הבואות, זאטווא) דא האט מאן געמאכט איין ערענטעבאל. דער גאנצער האף וואר ארום געפלאנצט מיט ביימער, מיט

בלומען

בלומען אונד מיט קראנצע. אלע בויערינען אונד בויערען זייגען געוועזען אנגעטאן אין זייערע יום טובדיגע קאסטיומען אין בלויעס אייגענגעוועבטעס קלייד, מיט צווי רייהען בענדלעך אונטען ארום געניהט, איין ריצרויטע איינגע טאליע מיט ווייסע שירצען, אונ מיט א שטרוי הוט מיט א ברייטען ראנד. פריילין ראהעל מייער־כאהן איז אויך גיגאנגען אין דיזען קאסטיום, נור פון בעסערעם צייג, אונ מיט איין בעסערען געשמאק גענייט. וויא רייצענד עס האט אויסגעזעהען דיזע יודישע בויערין, דאס האט נור געקענט אבמאהלען דער שפיגעל. דער דאקטאר ווילהעלעם ווענדעל וועלכער האט אויך איין טהייל גענומען אין דיזען בויערבאל, איז געוועזען געקליידעט וויא איין עכטער בויער, נור זיין עדעלעס געזיכט מיט די פיינע געשניצטע ציגע האבען זייער פיל אבגעשטאכען פון זיין בויער אנצוג, די בלאנדע אונ די שווארצע וואורין גליקליך מיט צומאכען דיזען באל, פון 4 וואכען פריהער האבין זייא שוין געפלאכטען קראנצע דאצו, אונ זיי האבען זיך שוין אנגעמאסטען זייערע קאסטיומען. דער אינגסטער זאהן פון הערין ווענדעל מיט דעם נאמען פרידריך וואר אריינצענדער בליהענדער קנאבע, איבער הויפט האט ער א זעהר גוטעס הערץ, ער פלעגט אימער קומען פון דער שולע הונגעריג, דען זיין פריהשטיק פלעגט ער אימער אוועק געבען די ארעמע שולקאמעראדען. ער האט אימער געקוקט מיט גראס אכטונג אויף די בלאנדע מינא מייערסאהן. ער האט איהר אימער געהאלטען העכער פון איהם, אונ ווי גליקליך פלעגט ער זיין, ווען די קליינע גוטע מינא פלעגט אים צווארפין א פריינדליכעס בליק, ער האט אין דיזען אבענד געשפילט אלס קאוואליער פאר דיא צווייא פריינדינגען פאר די בלאנדע אונ פאר די שווארצע.

אום אכט אוהר אבענדס האט אנגעפאנגען דער באל,

הונדערטע

הונדערטע פארביגע לאנטערנען האבען בעלייכטעט דעם גאנצען פלאטץ, אלערליי פייערווערק אונ ראקעטען האט מען געלאזען, די מוזיק האט אנגעפאנגען אונ פריילין ראהעל מייערסאהן מיט הערן דאקטאר ווילהעלם ווענדעל האבען ערעפענט דעם באל מיט דעם ערסטען טאנץ. וויא גליקליך איז ווילהעלעם געוועזען צו האלטען ראהעלס האנד, וויא גליקליך איז ער געוועזען ארום צונעהמען איהרע איידעלע טאליע, צו לוישען איהרע אטהעמציגע מיט איהר צו פליהען אין רונדונג צווישען ביימער בלומען אונ קראנצע, ער וואר ווירקליך וויא אין גן עדן. אלס דער טאנץ וואר צוא ענדע, האט ווילהעלם אוועקגעפיהרט זיינע טאנצערין דערבייא אין פאוועליאן, אונד ער האט איהר אוועק געזעצט אויף איין באנק.

„מידע זעהר מידע בין איך" האט ראהעל מיט א קורצען אטהעם געזאגט.

„אונד איך בין גאר ניכט מידע" האט ווילהעלם מיט ענטציקונג געזאגט, דיא גאנצע נאכט מעכט איך ניכט מידע געווארדען מיט אייך צוא טאנצען. אך איהר הימלישעס וועזען, קעננען זיא מיר..."

ראהעל האט איהם ניכט געלאזען ענדיגען דעם זאטץ.

„הערר ווענדעל!" האט זיא מיט איין פעסטע שטיממע געזאגט: „האנדלען זיא ניכט לייכטזיניג, פערגעסען זיא ניכט דעם אייזערנעם וואנד וועלכע שיידעט אונז פאן איינאנדער. איך בין איינע יודין, אונ וויל עס בלייבען ביז מיינער לעצטע שטונדע."

„אייזערנער וואנד" „יודין" האט דער דאקטאר ווילהעלם ווידערהאלט, אונד ער איז קראפטלאז פאר ראהעלס פיססע א נידערגעפאלען.

ראהעל האט איהם זאנפט בייא דער האנד אנגענומען,

אונד

אונד מערקווירדיג וויא ער האט נור געפיהלט איהרע האנד, זא האט ער נייע קרעפטע בעקאממען, אונד ער האט זיך צוריק אהינגעשטעלט. שטום איז ער געשטאנען איינינע מינוטען, ראהעלם האנד האט ער נאך איממער געהאלטען. ראהעל האט געוואלט עטוואס זאגען, אבער וויללהעלם האט זיינע האנד אויף איהר מויל געלייגט.

„קיין ווארט ניכט מעהר!" האט ער ערנסט געזאגט. „צופיל האב איך פאן דיר געהערט. איך קעננע אייער שטאמם, איהר העברייער האט שטיינהארטע כאראקטערע, אייזענפעסטען אויסדויער, אייער גלויבען איז בייא אייך טייערער פיר אללעס, איך ווייס עס, איך האב לייכטזינניג געהאנדעלט איינע העברייערין צוא ליבען – אבער איך...? מיין הערץ... ווייסט דאס הערץ דענן פאן גלויבען? פראגט דען דיא ליבע נאך רעליגיאן?... אדיע ליבע ראהעל! לעבע וואהל דוא איזראעלם האלדם טאכטער!

ער האט פעסט ראהעלם האנד צו זיין מונד צו געפרעסט אונ שנעל איז ער פון איהר פערשוואונדען.

6

די קליינע ליעבעס פאר.

ראהעל האט איהם געוואלט נאך לויפען, אבער איהרע קרעפטען האבען איהר פערלאסען, זיא האט זיך פון איהר ארט ניט געקענט אויפהייבען. אין דער ווירקליכקייט האט זיא דעם וויללהעלעם געליבט זעהר, נאר איהר שטיינהארטער כאראקטער וויא וויללהעלעם האט געזאגט —. דיא ערציהונג אן איהר גלויבען, האט איהר, איהרע הייסע ליבע אייז קאלט געמאכט,

דאס

דאס זיא האט גאנץ גלייכגילטיג געקענט מיט איהם ריידען, אבער יעצט – ווען זיא האט פאן איהם דערהערט א וועלכע ווארטער, זיא האט איהם אין זיינע אויגען אנגעקוקט, זיא האט אויף איהם מיטלייד געקראגען, זיא האט געפירכטעט פאר זיין לעבען, באיי איהר איז דאמאלסט רעכט געוועזין צוא אפפערין איהר רעליגיאן וועלכע וואר באיי איהר ווירקליך טייערער אלס איר לעבין, נאר איהם צו רעטען, אבער ער איז פערשוואונדען, ראהעל איז געזעסין פערטיפט אין איהר געדאנקען, גאנץ שטיל פערזונקען אין זיך, אז זיא האט גאר ניכט געהערט וואס ארום איהר טוט זיך, ניט זיא האט געהערט דיא מוזיק וויא עס האט געשפילט, ניט זיא האט געהערט דאס לאכען פון די לוסטיגע טענצערס, זיא האט איהרע אויגען אויפגעהויבען, זיא האט דערזעהן ניט ווייט פון איהר צווישען די בוימער איין קנאבען מיט איין מאדכען, דאס מאדכען איז גיזעסין אויף דעם גרינעם גראז, דער קנאבע איז געלעגען אויף די קניא, אונ ער האט די קליינע מאדכען איין קראנץ געפלאכטען אויף איהרע בלאנדע האאר. ראהעל האט זיך גוט איינגעקוקט אין דיא קליינע מאדכען, זיא האט אין איהר דערקענט איהרע שוועסטער די קליינע מינא, אונ דעם קנאבען דאס איז געוועזען דער קליינער פרידריך ווענדעל. יעטצט איז דיא קליינע ליזעטע מונטער צוא געשפרונגען. „נוא איז דער קראנץ שוין פערטיג?" האט זיא לעבהאפט געזאגט. וויר קענען גלייך מאכען דיא טרויאונג (חופה).

„די חופה" האט מינא געזאגט.

„ניין דיא טרויאונג!" האט פרידריך געזאגט: מען דארף נאר דעם פאסטאר האבען".

דעם

„דֶעם רַאבִּינֶער מֵיינְסְט דוּ הָאט מִינַא קִינְדִישׁ גֶעזָאגְט" .

„פַּאסְטָאר אָדֶער רַאבִּינֶער , חוּפָּה אָדֶער טְרוֹיאוּנְג , דָאס אִיז אַלְלֶעס אֵיינְס דִיזֶעלְבֶּע" הָאט דִיא קְלוּגֶע לִיזֶעטֶע גֶעזָאגְט , וָואהְרֶענְד זִיא הָאט אַרוּמְגֶעטַאנְצְט וִויא אַיין קְלֵיין פֵּייגֶעלֶע , אוּנ זִיא אִיסְט פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען , אִין צֶעהְן מִינוּטֶען שְׁפֶּעטֶער אִיז לִיזֶעטֶע גֶעקָאמֶען מִיט פִּילֶע קְנַאבֶּען אוּנ מֵאדְכֶען . דָא אִיסְט שׁוֹין אַלֶּע הָאכְצַייטְסְגֶעסְטֶע (מְחוּתָּנִים) הָאט זִיא גֶעזָאגְט . אוּנ דֶער פְּהִילִיפְּפּ—הָאט זַייא גֶעווִיזֶען אוֹיף אַיין רֶעכְט גְרָאסֶען בּוֹיעֶרְקְנַאבֶּען . דֶער פְּהִילִיפְּפּ וֶועט זַיין דֶער פַּאסְטָאר אָדֶער דֶער רַאבִּינֶער .

דִיא קְלֵיינֶע בְּרוֹיטְסְפָּאר (חָתָן כַּלָּה) הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְנִיט אוֹיף דֶעם גְרִינֶעם בֶּערְגֶעלֶע , וָואס הָאט גֶעדִינְט פַאר אַיין אַלְטַאר .

דֶער פְּהִילִיפְּפּ הָאט אֵיינֶע קוּרְצֶע רֶעדֶע גֶעהַאלְטֶען , מֶען הָאט זִיךְ גֶעבִּיטֶען דִיא רִינְגֶעלֶעךְ , אוּנ דֶער קְלֵיינֶער פַּאסְטָאר פְּהִילִיפְּפּ הָאט זַיינֶע הֶענְדֶע פֶערְשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִיא קְלֵיינֶע חָתָן כַּלָּה , אוּנ עֶר הָאט זַייא גֶעבֶּענְטְשְׁט .

רַאהֶעל הָאט מִיט אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט צוּגֶעזֶעהְן דִיזֶע שְׁצֶענֶע . אִין אִיהְר קָאפְּף אִיז אִיהְר דוּרְכְגֶעפְלוֹיגֶען פֶערְשִׁידֶענֶע גֶעדַאנְקֶען , זִיא הָאט זִיךְ לַאנְגְזַאם אוֹיפְגֶעהֵייבֶּען פוּן אִיהְר אָרְט אוּנ זִיא אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ הוֹיזֶע . אַיין גֶערוֹישׁ הָאט זִיא גֶעהֶערְט צְווִישֶׁען דִי בֵּיימֶער אַיין שַׁאטֶען פוּן אֵיין מַאנְסְפֶּערְזָאן הָאט זִיא בֶּעמֶערְקְט . זָאל עֶר דָאס זַיין ? הָאט זִי זִיךְ גֶעטְרַאכְט . ווִי זִי אִיז צוּם אָרְט נֶעהְנֶטֶער גֶעקָאמֶען , זָא אִיסְט דֶער שָׁאטֶען פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען . גְלַייךְ דַארוֹיף אִיז רַאהֶעל נָאךְ הוֹיזֶע גֶעקָאמֶען . זִיא הָאט זִיךְ אוֹיף אִיהְר בֶּעטְט גֶעשְׁלַיידֶערְט אוּנ שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרוֹימֶע (חֲלוֹמוֹת) הָאבֶּען אִיהְרֶען שְׁלָאף זֶעהְר שְׁווֶער גֶעמַאכְט , גַאנְץ שְׁפֶּעט הָאט זִיא זִיךְ עֶרְסְט דֶערְוַואכְט .

7.

דיא טאנטע מאטהילדע.

אויף מארגען אלס דער דאקטאר ווילהעלם װענדעל האט איין קורצען אונ איין קאלטען אבשייד גענומען פון דעם הערן מייערסאהן מיט זיינע פאמיליע, האט ער פערלאסען דיא שיינע דאטשע „בלויפעלד“. ראהעל איז געשטאנען אויבען אין פענסטער, ווען ווילהעלם האט זיך אויף דאס פפערד געזעטצט, נאך איינמאל האט זיך ווילהעלם אומגעקוקט, ער האט זיין שיינעם קאפף אויפגעהייבען, ער האט דערזעהן דיא רייצענדע ראהעל אין פענסטער שטייענדיג, ער איז שיר פון פערד ארונטערגעפאלען, ער האט זיך אבער גלייך געמוטיגט, ער האט זיך פעסט אין זאטטעל געזעטצט, אונ ער האט געגעבען זיין פפערד מיט דיא שפארען, אונ ער איסט, פערשוואונדען אויף דעם וועג וועלכער פיהרט נאך קאניגסבערג.

דיזעלבע וואכע איז אויך דיא גאנצע פאמיליע וועגדעל אבגעפאהרען נאך קאניגסבערג, אונ דער שלאסס בלויפעלד איז געבליבען שטילל אונ איינזאם. ראהעל מייערסאהן האט זיך צוריק געצויגען אין איהרע געדאנקען, זיא האט זיך פעסט אין דיא ווירטשאפט גענומען, אונ דאס האט איהר ווירקליך די טריבע צייט פערטריבען, דאס האט איר געמאכט פערגעסען אין אללע ליידען, וועלכע זיא האט אין הערצען געטראגען. זי האט אימער געפירכטעט דאס דער עדעלר ווילהעלם זאל זיך ניכט נעהמען זיין לעבען, אונ אין איהר יודישעם עדעלעם הערץ איז אימער איין קאמפף (מלחמה) געוועזען. אויב מען מעג צוליב איין

מענשענלעבען

מענשענלעבען אפפערן דעם רעליגיאן, אדער ניכט. דיא קליינע מינא איז צוריקק נאך קאניגסבערג געפאהרען, דארטען ווייטער אין דיא שולע צו גיין.

דער דאקטאר ווילהעלם וועגדעל האט זיך לאנגע אין קאניגסבערג ניכט אויפגעהאלטען, ער האט גענומען אבשייד פון זיין ליבען פאטער אונ פון זיינע פריינדע אונ בעקאנטע אונ ער איז אבגערייזט. עס וואר איין טאג, געגען אבענד אלס. דיא טאנטע מאטהילדע איז געגאנגען אין זייער גארטען שפאצירען, האט זיא געהערט צווישען דיא ביימער דיא שטיממע פון דעם קליינעם פרידריך, אזוי מונטער, אזוי פייערינ וויא ער רעט צוא דיא קליינע יודענמאדכען מינא. זיא האט שוין פיל מאל בעמערקט וויא פרידריך מיט מינען זיינען זעהר בעפריינדעט, זיא האט פיל מאל פארווירפע געמאכט איהר ברודער, ווארום ער לאסט זיין פרידריך אזוי זיך ארומפיהרען מיט איין יודענמאדכען. איהר ברודער דער הערר וועגדעל האט זיך גאנץ נוט אויסגעלאכט אונ עס איז געבליבען נאכען אלטען, יעטצט איז זיא ניינגיריג געוועזען צוא זעהען אונ צוא הערען זייערע אונטערהאלטונג. זיא האט זיך אהינגעזעטצט אונטער איין בוים ניכט וייט פון דיא קינדער, פון וואו זיא האט אללעס געקענט זעהען אונ הערען, זיא האט געזעהן וויא פרידריך האט גענומען דיא קליינע מינא אויף זיין שוים, אונ ער האט איהר צוא זיין הערץ צוגעדריקט. „מיין ליבעס פרויכען!" האט ער מיט איין קינדישען שמייכעל געזאגט „דער ראבינער האט אונז דאך שוין געטרויט (מסדר קדושין געוועזן) יעטצט ביסט דוא מיינע".

„איך פירכטע אבער פאר די טאנטע מאטהילדען" האט מינגא ערשראקען געזאגט ווהערענד זי האט זיך פון אללע זייטען ארום

געקוקט

געקוקט, אונ איהר קליינע קינדערליכע ברוסט האט געציטערט.
„איך ווייס ניכט ווארום איך פירכטע מיך אזויא שטארק פאר דיא טאנטע מאטהילדען, ווענן איך דער זעה איהר ווער איך אטויטע.

„איך וועל דיין שיטצער זיין!“ האט דער קליינער פרידריך מוטהיג געזאגט. איך וועל דיר ניכט לאזען שלעכטעס טאן. איך בין דיין מאנן דוא ביסט מיינע פרוי.

איין גערויש האבען דיא קינדער דער הערט ניכט ווייט פון זייא צווישען די ביימער, אונ גלייך דארויף איז געוועזען צו זעהן דיא טאנטע מאטהילדע. איהר אלטער שטערען איז געוועזען דורך מיט קנייטשען, איהר שפיציגער נאז עבט לאנג, איין בלאסקייט איז געלעגען אויף איהרען געזיכט. איהר קענט זיך דיינקען וויא דיא ארמע קינדער האבען זיך ערשראקען, איבערהויפט די גוטע קליינע מיננא וואר שיר אין אהנמאכט געפאלען. דיא טאנטע מאטהילדע איז צו זייא נעהנטער געקאמען. אונ זיא איזט צו־געשפרונגען צו די קליינע מיננא, אזוי אונערווארטעט דאס זיא האט געגעבען א שרעקליכען געשרייא, אז דער גאנצער וואלד האט דורכגיקלונגען אונ די ארמע מיננא איז אין אהנמאכט גיפאלען, דער קליינער פרידריך האט ניכט געוואוסט וואס צו טאן. די מיטלייד אויף זיין ארמע מיננא האט איהם זיין גוטעס הערץ צובראכען. איין עדעלער צארען אויף זיינע טאנטע האט זיך אין איהם ערוועקט.

„וואס האט איהר צו מיי— צוא די ארמע מינא? האט ער ענדליך ארויס געבראכט.

צו דיינע ארמע מיננא! האט מאטהילדע מיט צאר'ן געזאגט איך ווייס דיא יודענפאק זינד צוא אלעס פייהיג, זיא וואלען דיר מיט געוואלד צום יודען מאכען. אהא! אהא! איך האב געטראפען!

האט

האט זיא אויסגעלאזען מיט איין געלעכטער.

דיביידע געגנער האבען גאר ניכט בעמערקט ווי ארום זייא האט זיך פערזאמעלט די גאנצע פאמיליע װענדעל הערר װענדעל מיט זיין אופראװלאאישצא אונד די זאהנע אונ טאכטער װעלכע זיינען אויך געװעזען אין װאלד, אונ זייא האבען דערהערט דעם שרעקליכען געשריי; אונד זא זיינען זיי גלייך צו געלאפען. דער הערר װענדעל האט גלייך געהייסען ברייננען װאסער אונ מען האט גענומען מינטערן דיא ארמע ערשראקענע מינאן.

צעהן מינוטען האט געדויערט ביז דיא קליינע מינא האט די אויגען געעפענט.

איז זיא שוין אװעק געגאנגען? האט זי גלייך געפרעגט.

דיא טאנטע מאטהילדע האט איהרע גרויסע אויגען אויס געשטעלט, איהר זייט אלע איין יודענגעזינדעל, די יודען האבען אייך בעהעקסט (בעכשופט). יא! יא! בעהעקסט. איין ערענטליכער קאטאליק דארף אונ טאר ביי אייך ניט זיין. זיא איז געשווינד אװעק געלאפען נאך אין דעם זעלבען טאג איז זיא אװעק פאן איהר ברודער ביי איהרע אלטע פריינדין וואו זיא איז אין איין קורצע צייט ארום געשטארבען. פאר איהר טויט האט זיא נאך אנגעזאגט איהרע פריינדינען זיך צוא היטען פון די יודענפאקק אונד מיט איין פלוך אויף די יודען אונד אויף איהר עדעלען ברודער האט זי איהרע אויגען געשלאסען. איהר פערמאגען האט זי אלעם אבגעשריבען פארמע מאנכע (הייליגע).

8.

די גליקליכע פאר.

נאך דיזען ערייגניס וואס האט פאשירט אין וואלד מיט מינען. האט דער הערר מייערסאהן פערבאטען זיינע טאכטער מער צו גיין ביין הערן ווענדעל. דער ארמער גוטער פרידריך האט שרעקליכע שמערצען געהאט דערפון, אבער ער פלעגט איהר בעקאממען אלע טאגע צו זעהן. ער פלעגט אלע טאגע לויערען ביי איר פענסטער ביז ער פלעגט קריגען צוזעהן איהר שיינעם געזיכטכען. אויך דיא בלאנדע אונ די שווארצע פלעגען זיך ניכט קענען זעהען ביא זיי צו הויזע אבער זייא פלעגען זייערע הערצער אויסגיסען פאר איין אנדער אין דיא שולע, דענן זייא זיינען דאך געגאנגען ביידע אין איין קלאס. דער הערר מייערסאהן מיט דעם הערן ווענדעל זיינען געבליבען גוטע פריינדע פון ווייטען. ווענן זייא פלעגען זיך זעהן פלעגען זייא ציהען זייערע מיטצען (היטלען) אונ ווענן זיי פלעגען זיך נאנץ נאהנט בעגעגנען, פלעגען זייא זיך אויך דיא הענדע דריקקען, אבער קאלטלעך, ניכט מעהר זאלכע אינטימע פריינדע וויא פריהער. פון דעם יונגען הערן דאקטאר ווילהעלם ווענדעל וואר ניכט מער צוהערען. פריילין ראהעל מייערסאהן איז אימער געזעסען אין צימער זעהר טרויריג, נור ווענן ניט ווענן פלעגט זיא אהיינגיין אין פאוועליאן אונ זיך זעטצין אויף דעמזעלבען באנק וואו זי איז געזעסען ווען ווילהעלם האט איהר זיינע ליבע געוואלט ערקלערען. זיא פלעגט אימער טראכטען אז דער אונגליקליכער ווילהעלם האט זיך זיין לעבען גענוממען. אונ אין שלאף פלעגט זיא זעהן דעם ווילהעלם ליגענדיג טויט אונד פון זיין ברוסט רינט

איהם

אִיהְם דָאס בְּלוּט. עֶס וַואר אַיין גֶעגֶען אָבֶּענְד אַלְס רַאהֶעל אִיז זִיךְ גֶעזֶעסֶען פֶערְטִיפְט אִין אִיהְרֶע פִינְסְטֶערֶע גֶעדַאנְקֶען, הָאט זִיךְ פְּלֶעטְצְלִיךְ דֶערְהֶערְט אִיהְר פָאטֶערְס שְׁטִימֶע וִויא עֶר הָאט גֶעזָאגְט זֵעהְר צֶערְטְלִיךְ: „קוּים וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעפוּנֶדען מַיין לִיבֶּעס קִינְד, אִיךְ זוּךְ דִיר שׁוֹין פוּן אַיין רֶעכְטֶע צַייט. אַ נַאסְט הָאבֶּען מִיר״, עֶר הָאט אִיהְר גֶעוִויזֶען אוֹיף אַיין יוּנְגֶען הִיבְּשֶׁען מֶענְשֶׁען וֶועלְכֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבֶּען דֶעם הֶערְרְן מֵייעֶרְסָאהְן. דָאס אִיז דֶער הֶער שָׁלוֹם וָואלְפְסָאהְן אַיין זָאהְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער שָׂרָה פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ פְלֶעג אִימֶער עֶרְצֶעהְלֶען. אַהַא פוּן דִיא גוּטֶע טַאנְטֶע שָׂרָה׳ן?״ הָאט רַאהֶעל מִיט פְרֵיידֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן, וֶועלְכֶע דוּ פְלֶעגְסְט מִיר עֶרְצֵיילֶען וִוי זִי הָאט דִיר גְלִיקְלִיךְ גִימַאכְט.

„יַא, יַא, דִיזֶעלְבֶּע!״ הָאט מַייעֶרְסָאהְן פְרֵיינְדְלִיךְ גֶעזָאגְט.

„זַייט מִיר טוֹיזֶענְדְמָאל וִוילְקָאמֶען!״ הָאט רַאהֶעל זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּ דֶעם יוּנְגֶען וָואלְפְסָאהְן וֶועהְרֶענְד זִיא הָאט אִיהְם אִיהְרֶע צַארְטֶע שְׁמָאלֶע הַאנְד גֶערֵייכְט, וֶועלְכֶע עֶר הָאט זֵעהְר גֶעדְרִיקְט.

אַיין לִיבְּלִיכֶע רוּיטְלִיכְקֵייט הָאט בֶּעצוֹיגֶען זֵייעֶרֶע בֵּיידֶענְס גֶעזִיכְטֶער. עֶס וַואר אֵיין טָאג וֶוענְן שָׁלוֹם מִיט רַאהֶעל (רָחֵל) זַיינֶען בֵּיידֶע גֶעזֶעסֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶערֶעדְט וֶועגֶען לִיטֶערַאטוּר. דֶער הֶערר שָׁלוֹם וָואלְפְסָאהְן וֶועלְכֶער הָאט זֵעהְר גוּט גֶעוואוּסְט דִיא הֶעבְּרֵייעֶשֶׁע שְׁפְּרַאכֶע, הָאט עֶר בֶּעהוֹיפְּטֶעט דָאס דִי הֶעבְּרֵייעֶשֶׁע שְׁפְּרַאכֶע אִיסְט דִיא וִויכְטִיגְסְטֶע שְׁפְּרַאכֶע פוּן אַלֶען, פִיר יוּדֶען זִיךְ צוּ לֶערְנֶען; דֶענְן וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט – דָאס עֶרִינֶערְט אִיהְם אָן אַלֶע פְרִיהְרִיגֶע פְּרַאכְט, דָאס דֶערְמָאנְט אִיהְם אָן דִי פְרִיהְרִיגֶע צַייטֶען וֶוענְן עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶועזֶען אַיין מֶענְשׁ מִיט אַלֶע מֶענְשֶׁען צוּגְלַייךְ. רַאהֶעל דַאנֶעגֶען, הָאט אִיהְם גֶעוִויזֶען וִויא אָרֶעם דִיא

העברייעשע

העברייעשע ליטעראטור איז דאנגען דיא דייטשע ליטעראטור ווי רייך זיא איסט.

דער העררר מייערסאהן איז אריינגעקומען, ער האט איין פאטערליכען קוק געגעבען אויף די פאר, אונ מיט איין שמייכעל אויף דיא ליפפען האט ער געזאגט: „איהר זיטצט קינדערלעך וויא א פאר טייבעלעך, דאס פרייט מיך זעהר ווען איך זעהע דעם זאהן פון מיינע ליבע שוועסטער עליה השלום, וועלכע האט מיר א מאל זא גליקליך געמאכט. ווי גערנע מעכטע איך ווינשען, איהם צו פערגעלטען, איהם צו בעצאהלען גוטעס פיר זיינע ליבע מוטער וועלכע זי האט מיר אין מיין נויט געהאלפען. ער האט איין פראנגענדין בליק געווארפען אויף זיינע טאכטער ראהעל. ראהעל האט איהם געאנטוואָרט מיט איין ליבען שמייכעל.

„ליבע קינדער!" האט מייערסאהן געזאגט, נאך איין קורצען שווייגען." איך מעכט פערלאנגען דאס איהר זאלט זיך ביידע פעראייניגען. איך וויל אייער שדכן זיין." ביידע האבען פערשעמט זייערע געזיכטער צו דער ערדע ארונטערגעצאָגען.

„וואס שעמט איהר זיך מיינע ליבע קינדער?" האט מייערסאהן ווייטער געזאגט: „רעדט ווערטער, זייט איהר צופרידען?"

ראהעל האט זיך אנידערגעשטעלט אונ זיא איז דעם פאטער אויפען האלז געפאלען, אונ זיא האט זיך ביטערליך צו וויינט. זיא האט נאכדעם שטום געבייכט שלומען דיא האנד. „איך בין דיינע!" האט זיא קורץ געזאגט. אהנע ליבעם ערקלארונג, אהנע צערעמאניע, אהנע קניקסען, אונ אהנע קוסען, איז געשלאסען געווארען דיא פארטיע. אין איין קורצע צייט איז

געוועזען

גֶעוועזֶען דִיא הָאכְצַייט אוּנ רַאהֶעל מֵייעֶרְסָאהְן אִיז גֶעוָוארֶען פְּרוֹי וָואלְפְסָאהְן.

9.

צְווייא רֶעלִיגְיָאנֶען מִיט אֵיין זֶעעֶלֶע.

צֶעהְן יָאהְר אִיסְט פֶערְלָאפֶען, דֶער הֶערְר וֶוענְדֶעל אִיסְט שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבֶען אוּנ עֶר לִיגְט דָארְט אוֹיף דֶער קִירְכְהוֹיף (בֵּית עוֹלָם) אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער שְׁטְרֵייעֶן בְּלוּמֶען אוּנ קְרֶאנְצֶע, אוֹיף זַיין גְרַאבּ (קֶבֶר) זַיין עֶלְטֶסְטֶער זָאהְן ווִילְהֶעלְם אִיז נָאךְ אִימֶער נִיטָא. עֶר אִיז ווִיא אִין ווַאסֶער אַרַיין. דִיא עֶלְטֶערֶע טָאכְטֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ פֶערְהֵייַראט מִיט אַיין רַייכֶען גוּטְבֶּעזִיטְצֶער, פְרִידְרִיךְ הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּלִיהְט אַיין הִיבְשֶׁער יוּנְגְלִינְג, זַיינֶע לִיבֶּע צוּא דִיא בְּלָאנְדֶע מִינֶא מֵייעֶרְסָאהְן אִיז נָאךְ נִיכְט קָאלְטֶער גֶעוָוארֶען, זִיא צוּא אִיהְם הָאט נָאךְ אוֹיךְ דִיזֶעלְבֶּע לִיבֶּע גֶעפִיהְלְט וָואס אַלְס קִינְד, אָבֶּער זֵייעֶר רֶעלִיגְיָאן — אַךְ דִיא רֶעלִיגְיָאן דָאס אִיז ווִירְקְלִיךְ אֵיין אַייזֶערְנֶע ווַאנְד. דִיא רֶעלִיגְיָאן הָאבֶען זֵייא קֵיינֶער נִיכְט גֶעוָואלְט בַּייטֶען. אַלֶערְלֵייא שִׁידוּכִים הָאט מֶען פָארְגֶעשְׁטֶעלְט פְּרַיילִין מִינַא מֵייעֶרְסָאהְן, אוּנ אוֹיךְ דֶעם הֶערְרְן פְרִידְרִיךְ וֶוענְדֶעל הָאט מֶען פֶערְשִׁידֶענֶע פַּארְטִיעֶן פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, אָבֶּער זֵייא הָאבֶּען פוּן קֵיין זַאךְ נִיט גֶעוָואלְט ווִיסֶען. עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיין טָאג, וֶוען דֶער הֶערְר מֵייעֶרְסָאהְן הָאט זִיךְ גֶעפִיהְלְט זֶעהְר שְׁווַאךְ, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דָאס עֶר וֶועט לַאנְגֶע נִיכְט לֶעבֶּען, עֶר הָאט בַּייא זַיין שְׁטֶערְבֶּעבֶּעט גֶעלָאזֶען רוּפֶען זַיינֶע אִינְגְסְטֶע טָאכְטֶער מִינַא, זִיא אִיז אַרַיינְגֶעקָאמֶען, עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען אַלֶע מֶענְשֶׁען אַרוֹיס־גֵיין. עֶר הָאט אַיין צָארְטְלִיכֶען פָאטֶערְלִיכֶען בְּלִיק גֶעוָוארְפֶען,

אויף

אויף זיינע ליבע טאכטער, דאנן האט ער צוא איהר צארטליך געזאגט: ליבע טאכטער מיינע! דוא זעהסט איך רייזע באלד אב פון דיזע וועלט, דוא זעהסט קינדכען, דיא וועלט איסט פער־גאנגליך, קיין זאך איז ניכט עוויג, נור דער גלויבען מאכט זעליג. דער גלויבען אן דיא אונשטערבליכקייט דער זעעלע, אן השארת הנפש, דאס מאכט דעם שטערבליכען מענשען זיין לעצטע שטונדע זיסס, אלזא איין זאך בעט איך דיר ליבע טאכטער, האלטע פעסט דיין רעליגיאן, דיין גלויבען, אין וועלכען דוא ביסט געבארען, דוא זאלסט איהם ניכט פארבייטען פאר קיין געלד אין דער וועלט ניכט. דוא זאללסט דיך האלטען אן דעם איינציגען היילינען גאט פון ישראל, אונ דוא זאללסט ענדינען דיין לעבען מיט זיין היילינען נאמען אויף דיינע ליפפען, אין זיין היילינען שוים זאלסט דוא אויסגיסען דיינע ריינע זעעלע.

דיא גוטע מינא האט זיך מיט טרערען בעוואשען, זיא האט געשלוכצעט אונ געבליפעט וויא איין קליין קינד.

איך פערשפרעך עס דיר! האט זי אונטער טרערען געזאגט.

„שווער מיר!" האט דער שטערבענדע שוואך געזאגט.

מינא האט איהר האנד צום הימעל געהייבען, אונ זיא האט נאך געזאגט ווארט אין ווארט, דיא ווערטער: איך שווערע ביין היילינען גאט פון ישראל צו בלייבען טרייא מיין גלויבען אין אלע צייטען איהם ניכט צו פערבייטען פאר קיין פאל, אונ איך זאל פיר מיין רעליגיאן אלעס אפפערען, זיא האט דעם פאטערס בלאססע ליפפען געקוסט. גלייך דארויף זיינען אללע קינדער אריינגעקומען, דער פאטער האט זיינע דארע הענט איבער זייא פערשפרייט אונ ער האט זייא געבענטשט. ער האט זייא נאך איינינעם אנגעזאגט, ווי זיי זאלען לעבען אין פרידען מיט זייערע

גאכבארען

נאכבארען דיא קריסטען, אונ איבערהויפט בלייבען שטרייננ זייער גלויבען דאנן האט דער עדעלער מייערסאהן אויסגעהויכט זיינע ריינע זעעלע, לאסס ער זעליג רוהען!

דיא שווארצע ליזעטע וועגדעל האט אויך גליקליך געהייראט אונ זיא איז געבליבען מיט דיא בלאנדע מינא מייערסאהן דיא זעלבע גוטע פריינדין וויא אין דער יוגענד, צו ראש השנה פלעגט מינא מייערסאהן קריגען איין הערצליכע גליקוואונש פון איהר פריינדין ליזעטטען איין גליקוואונש-קארטע אויף דייטש אויף וועלכען עס פ׳ עגט אימער גלאנצען גאלדענע העברייעשע בוכסטאבען „לשנה טובה תכתב!" אונ צו זייער נייא יאהר (נאווי גאד) פלעגט ווידער מינא שיקען איהרע פריינדין ליזעטטען איין הערצליכען גראטילאטיאנס-קארטע, אין זייערע בריפע פלעגען זיא זיך עפטערס דערמאנען אן דיא פסח-נאכט, אין וועלכע דער הערר וועגדעל מיט דעם פאליציימייסטער זיינען געקומען.

דיא בלאנדע מינא מייערסאהן האט ניכט געהייראט, אונ אויך פרידריך וועגדעל איז געבליבען אונפערהייראט, זיא וואהנען איינע לעבען איינאנדער, אונ זיא זיינען נאך היימע דיזעלבע פריינדע וויא געוועזען, יעדער איז געבליבען בייא זיין רעליגיאן.

לאך ניכט ליבע לעזער ווענן דוא ועסט זעהען וויא איין אלטער קריסט איין עהרענמאן מיט דעם נאמען פרידריך וועגדעל לאך ניכט ווענן דוא וועסט זעהן, וויא ער בעגלייט אלע שבת דיא אלטע מינא מייערסאהן אין שול, אונ ער טראגט איהר אונטער דעם סידור אין שול, אונ אם זאנטאג בעגלייט איהם מינא מייערסאהן אין דיא קירכע, אונ ווירקליך קען מען אויף זיא זאגען, צוויי רעליגיאנען מיט איין קארפער.

עס

עס וואר איין טאג ווענן פרוי ראהעל וואלפסאהן איז געזעסען אין בלויפעלד אין פאווועליאן. אויף דעמזעלבען באנק וואו ווילהעלם איז דעם לעצטען מאל מיט איהר געזעסען. איהרע עלסטע טאכטער שרה – איין מאדכען פאן 17 יאהר איז געזעסען נעבען איהר. איז פאן צווישען דיא ביימער ארויסגעגאנגען איין מאנן פאן מיטעלע יאהרען, אונ זיינע האארע האבען זיך שאן געוויזען גרויע האר. ער האט זיך פערביינגען פאר ראהעל, אונ ער האט איהר שטום איינע וויזיטענקארטע דערלאנגט: „פראפעסאר ווילהעלם וועגדעל“.

ראהעל האט דיא קארטע איבערגעלעזען. אונד זיא האט איהם פריינדליך דיא האנד גערייכט. „צוא דאנקען דעם וועגען זיא לעבען אונ זיא זינד וואהל“ האט דיא נוטע ראהעל פריידיג אויסגעשריען.

„איינע ביטע האבע איך ווערטהעסטע פרוי!“ האט דער פראפעסאר וועגדעל געזאגט. ערלויבען זיא מיר דאך צוא לעבען אין איהרער נאהע, איך בין אונפערהייראט געבליבען, לאססען זיא מיר דאך מיינע לעצטע יאהרען פערברייגגען ביא אייך דער ביא, דאמיט איך זאל אייך קענען נוטצען ברייגגען אייך, מיט אייערע ליבע קינדער מיט מיינע פילע פראקטיש אין דיא מעדיצין.

„מיט דיא גרעסטע פערגניגען!“ האט ראהעל געאנטווארט.

„ווען מיין ליבער מאן ווירד נור ערלויבען“.

נאך הייטע לעבען זייא אין בלויפעלד דיזע פאמיליע וואלפסאהן אונ דער פראפעסאר וועגדעל איז גליקליך ראהעלס קינדער צוא קורירען אונ צוא ליבען.

ענדע

רשימה פון קליינע מעשיות עברי טייטש.

1) מקח טעות
2) אונגעריכטער גליק
3) אונגליקליכע אסתר
4) אברהם'על'ע בע"ג
5) אכדאיע זאך
6) בעלאהנונג
7) באמקע פייפער
8) גלאמפישקער פרעזידענט
9) לעבעדיגע מצבה
10) שרעקליכער חלום
11) ריכארד צווישען שפאנישע מערדער
12) קינד אין קארן
13) גרושה
14) אטויטער בעוה"ז
15) בעריציק דער יתום
16) חצקיל די באבעס זאהן
17) מאטקע פליך
18) מחותנים פון שונאים
19) מיאוסער טעות
20) דער ממזר
21) פארלארענר בריף
22) רייכע לאנד
23) ט"ו כסליו
24) יאיצאקורי אוצאט
25) נייעס פון יענער וועלט
26) ליבע נאכען טויט
27) די בעטראגענע ליעבע
28) אניפערליכע טריט
29) דער חתן אלס דאקטאר
30) געלד אונד ליבע
31) די בלאנדע אונד די שווארצע
32) דער יודישער גבור
33) די שטאלצע קורלענדערין
34) דער שמיד אלס דאקטאר
35) דער ממזר אלס דאקטאר
36) דער זינדיגער
37) אייזיקיל לץ
38) חייקע דיא שוועבעלע
39) איין פערלארענעס לעבען
40) דאסחנוכהליכטיל
41) דער גרינער אונד דער דזענטלמאנן
42) איין זאהן פון איין בעזדיעטניק
43) א מעשה פון ארב מיט ארעבעצן
44) קורץ אונ שארף אנעקדאטען בוך
45) צווישען רעליגיאן אונד ליעבע

יעצט האבען מיר צוגעגעבען 13 נייע געשיכטעס

48) דער ישיבה בחור.
49) דער הייליגער ברית.
50) דער וויטער קוק פון אלטען רב.
51) דער מהר"ל פון פראגע מיט זיין לוימענעם גולם.
52) דער פאלשער גט.
53) די פארמאסקירטע גרעפין.
54) די פאלשע כלה.
55) דעם קעניגם געליבטע.
56) דער רויטער אידיל.
57) זיבען וואונדער פון בעש"ט און פון זיינע תלמידים.
58) לעבעדיגערהייד אין הימעל אדער א מעשה אן אסוף.
59) קאפריזנע אלטע מויד.
60) ר' שניאור זלמן האדמו"ר הזקן פון לאדי.